**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/13/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פאראָרדנט פענער צו אראפגענידערט ווערן צו די האלבע הייעך צו באעהרן געוועזענער קאנגרעסמאן דזשאן לאפאַלס

***פענער וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב הייעך אריבער ניו יארק סטעיט צענטראלע געביידעס אום מאנטאג, אפריל 14***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז פענער אויף סטעיט געביידעס וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך אום מאנטאג, אפריל 14, פון זון אויפגאנג ביז זון אונטערגאנג, אין עהרע פון דעם פאריגן ניו יארק סטעיט קאנגרעסמאן, John LaFalce (דזשאן לאפאַלס).

"John LaFalce (דזשאן לאפאַלס) האט געהאט א טיפע השפעה אויף מיין פריע קאריערע, רעקרוטירנדיג מיך פון א גרויסע DC פירמע צו דיענען אלס זיין לעגיסלאטיווע געזעצליכע ראטגעבערין ביים קאפיטאל און ארויפשטעלנדיג מיך אויפן וועג צו א לעבן פון ציבור'ישע ארבעט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "זייענדיג אן אמת'ער קעמפער פאר מערב ניו יארק, האט John (דזשאן) זיך טיף געקימערט איבער די בירגער וועם ער האט פארטרעטן, און ער האט געארבעט מידלאזערהייט צו ברענגען טראנספארמאטיווע פראיעקטן אהיים צו די דיסטריקט וואס ער האט ליב געהאט. מיין הארץ איז מיט זיין ווייב Pat (פעט), זיין זוהן Martin (מארטין) און אלע וועלכע האבן אים ליב געהאט."

John (דזשאן) האט געוואונען זיינע ערשטע וואלן צו די ניו יארק סטעיט סענאט אין 1971, און דאן האט ער זיך אריבערגעצויגן צו די סטעיט אסעמבלי אין 1973. ער האט דאן געוואונען וואלן צו די פאראייניגטע שטאטן קאנגרעס, וואו ער האט פארטרעטן דריי אנדערע דיסטריקטס פון 1975 ביז 2003.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן